# א גריס פון
# בית פיגא

פרשת ויחי

י״ח טבת תשפ״א

יאר ו גליון ז

## א בריוו פון די ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה׳ יתברך

יום ה׳ פרשת ויחי, ט״ז טבת, שנת תשפ״א לפרט קטן

**לכבוד די תלמידות בית פיגא וויליאמסבורג און תלמידות בית פיגא ליבערטי שתחיו**

איך בין זייער צופרידן צו הערן פון די מנהלת און די לערערינס גוטע גריסן פון אייך, בעיקר פון די דרך ארץ; ווייל ביים רבי׳ן איז געווען דרך ארץ דאס ערשטע זאך. דער רבי האט געזאגט: ״איך קען יעדן איינעם העלפן, איך קען יעדן ליידן - אויסער אן עזות פנים״.

דרך ארץ הייבט זיך אן אין שטוב מיט טאטע מאמע; עלטערן זענען נישט קיין חברים, מען קען נישט רעדן צו עלטערן אזוי ווי מען רעדט צו חבר׳טעס, מען דארף רעדן מיט דרך ארץ, אויסהערן וואס זיי זאגן און נישט גיין אין וויכוחים.

אזוי אויך אין סקול; מען מוז רעדן מיט דרך ארץ צו די לערערינס און צו די מנהלת, און אזוי ווייטער מיט יעדן דערוואקסענער מענטש. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא פו.) אויפ׳ן פסוק (דברים ו, ה): ״וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳ אֱלֹהֶיךָ״ - זאלסט זען עס זאל ארויסקומען א קידוש השם דורך דיר, דער אייבערשטער זאל באליבט ווערן דורך דיר. ווייל ווען א מענטש פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין וואס זאגן מענטשן? ״אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה״, וואויל זענען זיינע עלטערן וואס האבן אים געלערנט תורה; ״אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה״, וואויל איז פאר זיין רבי וואס האט אים געלערנט תורה; ״אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה״, וויי איז פאר די מענטשן וואס לערנען נישט קיין תורה; אויף איינעם וואס פירט זיך ערליך זאגט מען: קוקט אן דעם מענטש, וויבאלד ער לערנט תורה פירט ער זיך אויף אזוי ערליך, אויף אים זאגט דער פסוק (ישעיה מט, ג): ״וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר״, דער אייבערשטער בארימט זיך מיט אזא איינעם.

ווען מען פירט זיך שיין איז דאס די גרעסטע הפצה.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## מעשיות פון תפילה

### ערשטע קלאס - מלכי פורסט

איך האב געליגן אין בעט זייער לאנג און נישט געקענט איינשלאפן, האב איך מיך דערמאנט אז איך האב נאכנישט געבעטן די אייבערשטער, האב איך זייער שטארק אנגעהויבן צו בעטן די אייבערשטער אז איך זאל שוין קענען איינשלאפן און ש׳כח אייבערשטער אז איך האב גלייך נאכדעם איינגעשלאפן, שכח אייבערשטער!



### צווייטע קלאס - פערעלע לעזער

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל נישט פארשפעטיגן די באס, און ש׳כח אייבערשטער אז איך האב עס נישט פארשפעטיגט!



### פערדע קלאס - לאה פייגי בלום

איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען אנקומען אין סקול פרי, ווייל איך האב אזוי שטארק ליב סקול, און ש׳כח אייבערשטער אז איך בין אנגעקומען פרי!



### עלטסטע קלאס - גיטי אפפעל

איך האב זייער שטארק געוואלט רעדן צו מיין חבר׳טע פון שטעטל, זי האט נישט אויפגעהויבן ווען איך האב איר געקאלט. האב איך זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז זי זאל אויפהייבן, און ש׳כח אייבערשטער אז די צוויטע מאל וואס איך האב איר געקאלט האט זי שוין אויפגעהויבן, ש׳כח אייבערשטער!



### בית פיגא ליבערטי - לאה׳לע שטראססער

איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל שנייען, און ש׳כח אייבערשטער איין טאג בין איך אויפגעשטאנען און געזען אז ס׳איז דא א פוס שניי אינדרויסן! אבער זייט עס האט אנגעהויבן שנייען, האבן אונזערע טשיקענס אויפגעהערט צו לייגן אייער. איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז זיי זאלן צוריק אנהייבן לייגן אייער ווייל מיר פלעגן באקומען פון זיי 10-12 אייער יעדן טאג, און ש׳כח אייבערשטער זיי האבן צוריק אנגעהויבן לייגן אייער!



## נייעס אין בית פיגא

**~די שטעטל טיטשערס האבן איבערגעגען פאר די ראש ישיבה גאר גוטע גריסן די וואך, אז מיידלעך פון 8,9 יאר וואשן דישעס און וועש, די ראש ישיבה האט מורא׳דיג הנאה געהאט.**

**~די וואך וועט אי״ה זיין א מלוה מלכה אין די סקול בילדינג אויף 27 Skillman st. פאר אלע בית פיגא תלמידות פון די גאנצע וועלט! לעצטע מאל איז עס געווען זייער שיין, מיר קענען קוים ווארטן!!!**

# מעשה פון א צדיק

און קורצן פון פריער: דער קעניג האט נאר געזיכט וויאזוי ער קען אויספריבירן דעם איד, יעדע טאג האט ער ארויסגעגעבן א פרישע גזירה, אוועקצונעמען זיין פרנסה.

יענע נאכט האט דער קעניג זיך נאכאמאל פארשטעלט, און געגאנגען קוקן וואס דער איד האט היינט געטון. ער איז געווען זיכער אז היינט איז ער שוין טרויעריג, ער קוקט אריין פונעם פענסטער, און ער גלייבט נישט וואס ער זעט! דער איד זיצט און עסט א פיינע סעודה, און שפילט מיט זיין פידל. דער קעניג האט זיך מורא'דיג געוואונדערט, ער קלאפט אריין און פרעגט אים פארוואונדערטערהייט וויאזוי ער האט געלט, האט אים דער איד פארציילט, "איך בין אריין צו די שמיד און געמאכט מיט אים א געשעפט, איך האב אים געגעבן די אייזן פון מיין שווערד און ער האט מיר געגעבן $6 פונקט וויפיל איך דארף פאר היינט צו קויפן עסן. און אנשטאט די אייזן פון מיין שווערד האב איך געלייגט א האלץ." די איד האט אבער אנגעזאגט פאר דעם קעניג אז ער זאל נישט דערציילן פאר קיינעם, ער האט אבער נישט געוויסט ווער די גאסט איז באמת...

די נעקסטע טאג האט דער קעניג געהייסן פאר איינער פון זיינע סאלדאטן זאל ברענגען א מענטש וועם מען דארף הרג'ענען, און די גאנצע מיליטער זאל זיך צאמקומען און זען ווי מען הרג'ט אים. ווען די גאנצע מיליטער איז שוין דארט געווען האט דער קעניג ארויפגערופן דער איד. ער גייט ארויף, און דער קעניג באפעלט אים צו הרג'ענען דעם מענטש וועם מען דארף הרג'ענען. ער האט נישט געוויסט וואס צו טון ווייל ער האט דאך נישט קיין שווערד, ער האט עס פארקויפט פאר די שמיד א נאכט פריער! אבער נישט פאר צו לאנג האט ער מורא געהאט, ער האט שנעל געבעטן די אייבערשטער זאל אים העלפן און אים געבן א גוטע עצה. ער גייט צו צום קעניג און זאגט פאר די קעניג, "אדוני המלך, איך האב נאך קיינמאל אין מיין לעבן נישט גע'הרג'ט א מענטש, און איך האב זייער מורא אפשר איז ער אומשולדיג." דער קעניג האט זיך אבער נישט געלאזט, און אים געענטפערט אז ער האט נישט קיין צוויי ברירות ער מוז עס טון. דער איד איז ארויף אויפן פלאטפארמע און זיך אנגערופן פאר יעדעם איינעם, "וויאזוי ווייס איך אויב דער מענטש איז טאקע שולדיג און מען דארף אים טאקע הרג'ענען? איך וויל נישט זיין דער גורם אומצוברענגען אן אומשולדיגע מענטש. איך וועל ארויסנעמען מיין שווערד און איך בעט דיך אייבערשטער העלף אז אויב איז ער אומשולדיג מאך א נס אז מיין שווערד זאל ווערן האלץ!" ער נעמט ארויס זיין שווערד און וואונדער איבער וואונדער עס איז האלץ! דער קעניג איז געווארן מורא'דיג איבערגענומען וויפיל בטחון דער איד האט און ער פארלירט זיך נישט אין די שווערסטע צייטן, נישט קיין חילוק וואס עס פאסירט מיט אים, דער קעניג האט אים געגעבן גענוג געלט צו קענען אויסלעבן זיינע יארן רואיגערהייט, און אלע האבן איינגעזען אז נישט האבן אסאך פרענדס אדער טויס מאכט פרייליך א מענטש, נאר ווער עס האט אמונה, און גלייבט אין דער אייבערשטער, און טוט וואס דער אייבערשטער הייסט ער איז באמת פרייליך!

# פון אונזערע לערערינס...

לכבוד מיין טייערע תלמידה .... תחי'

איך האב זייער הנאה געהאט צו ליינען דיין בריוו. איך זע ווי דו זיצט און הערסט אויס יעדע ווארט וואס מיר לערנען און איך ווייס אז דו פאלגסט וואס מוהרא"ש לערנט אונז, און וואס די ראש ישיבה לערנט אונז, צו רעדן צו די אייבערשטער, זיין פרייליך, העלפן די מאמע... דו פרעגסט ווי אזוי מ'קען האבן סעלף קאנפידענס - ערשט דארפסטו געדענקען וואס דער בעל שם טוב האט געזאגט אז פונקט ווי א מענטש דארף גלייבן אינעם אייבערשטן דארף ער אויך גלייבן אין זיך, אז איך בין גוט און געלונגען. ווייל דער אייבערשטער האט דאך מיך באשאפן, מיט מיינע נאטורן, אויסזען, און טאלאנטן. דארף איך גלייבן אז איך בין די בעסטע און פאר מיך איז באשאפן געווארן די וועלט. קומט אויס אז סעלף קאנפידענס גייט צוזאמען מיט אמונה, און ווי אזוי באקומט מען אמונה? דורך אסאך בעטן די אייבערשטער ווייל תפילה איז א שליסל צו אלעס, און עס שטארקט די אמונה יעדע מאל מ'רעדט צו די אייבערשטער, און בפרט אויב מ'בעט, "הייליגע באשעפער העלף מיך איך זאל האבן קאנפידענס, איך זאל זען און אנערקענען אלע מעלות וואס איך האב, און נישט מורא האבן צו זאגן מיין מיינונג, אדער מיינע געפילן... איך זאל מיך אויסלערנען צו זאגן 'ניין' ווען איינער בעט מיך עפעס וואס איך וויל עכט נישט טון, און כ'בין נישט מחיוב צו טון, נאר איך טו עס איך האב מורא אדער איך שעם זיך צו ענטפערן 'ניין'..." א גוטע עצה איז אויך צו אויסרעכענען יעדן טאג אלע דיינע מעלות און טאלאנטן, אדער עס אראפשרייבן, און זאגן פאר די אייבערשטער "יישר כח אייבערשטער פארן מיך געבן א קלוגע קאפ, גוטע מידות, טאלאנט פון מאלן שיין, שפילן מוזיק..." ווען מ'רעכנט אויס אלע מעלות וואס מ'האט, און מ'ווייסט קלאר אז אלעס קומט פון די אייבערשטער איז עס בכלל נישט קיין גאוה, נאר פארקערט, מ'אנערקענט ווי גרויס די אייבערשטער איז און ווי גוט ער איז צו מיך, און אז ער האט באשאפן די גאנצע וועלט, אלע לענדער, אלע שטעט, אלעביימער, **אלעס אלעס נאר פאר מיך**! מוז איך זיין זייער חשוב ביים אייבערשטן!

בעט אסאך דער אייבערשטער אויף אמונה, און אמונה אין זיך אליינס, וועסטו זען ס'וועט דיך ווערן גרינגער זיך אנצורופן עפעס אינמיטן א שמועס, אפילו אין פארנט פון מיידלעך וואס דו שעמסט זיך פון זיי... טראכט אריין, די מיידל האט די זעלבע בלוט ווי דיך, און דו ביסט די זעלבע חשוב ווי איר, האסטו דאך פונקט אזא רעכט ווי איר צו רעדן... און ווען דו פילסט אז דו ווילסט דיך עפעס אנרופן אדער פרעגן, צו א מיידל, אדער א טיטשער, און דו פילסט ווי דו קענסט נישט, האסט מורא דו וועסט בלאשן... בעט דער אייבערשטער ער זאל דיך די שטארקייט צו רעדן, און גראדע איז עס נישט אזא שלעכטע זאך אז א מיידל טראכט אפאר מאל און בעט די אייבערשטער פאר זי עפנט איר מויל... ס'וואלט איינגעשפארט אסאך לשון הרע און טשעפענען אויב יעדע מיידל וואלט אזוי געטון...דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט ווייטער פאלגן די עצות פון די הייליגע רבי און זאלסט האבן א פרייליכע לעבן!

*א גוטן טאג און הצלחה רבה!* *שרה לעמבער*

## די פרשה לערנט מיר

יעקב האט געזאגט פאר די שבטים זאמלטס ענק איין וועל איך ענק זאגן ווען משיח וועט קומען. זעען מיר פון דעם אז אויב מיר וועלן זיך האלטן בשלום און טראכטן פון א צווייטע מיידל'ס געפילן, וואטשן אז קיינער זאל נישט ווערן ווייי געטון דורך מיר, וועלן מיר זוכה זיין צו ווערן אויסגעלייזט!

## ספר המדות ווינקל

חלק שני, ב. עַל-יְדֵי אֱמֶת נִתְגַּלֶּה יִחוּדוֹ בָּעוֹלָם.

דורך אמת ווערט אנטפלעקט דער אייבערשטער'ס איינציגקייט איבער די וועלט.